# ניו יארק סטעיט עמערדזשענסי רענטעל הילף פראגראם

די עמערדזשענסי רענטעל הילף פראגראם העלפט ארויס משפחות וואס זענען הינטערשטעליג מיט זייער רענט צוליב פינאנציעלע שוועריקייטן וואס זיי גייען אדורך צוליב קאָוויד-19 און זענען אין א געפאר פון ווערן היימלאז אדער פון זיין אומסטאביל. אין צוגאב קען די פראגראם צושטעלן צייטווייליגע רענטעל הילף און הילף מיט אומבאצאלטע יוּטיליטי בילס.

## צו בין איך בארעכטיגט?

בארעכטיגטע איינוואוינער מוזן נאכקומען די פאלגנדע תנאים:

- הויזגעזונד סך הכל איינקונפט (גראָוס אינקאָם) איז ביי די 80 פראצענט אדער נידריגער פון די דורכשניטליכע איינקונפט אין די געגנט, וואס ווענדט זיך אין די קאַונטי און אין די גרויסקייט פון די הויזגעזונד.
- א מיטגלידער פון די הויזגעזונד האט באקומען אָנעמפּלאָימענט בענעפיטן אדער האט געהאט א פארמינערונג אין זייער איינקונפט, געדארפט באצאלן גרויסע אויסגאבן אדער אריבערגעגאנגען פינאנציעלע שוועריקייטן, דירעקט אדער אומדירעקט, צוליב די קאָוויד-19 מגיפה.
- דער אַפּליקאנט איז שולדיג רענט וואס זיי האבן שוין געדארפט באצאלן ביי די פלאץ וואו זיי וואוינען יעצט.

## וויאזוי ארבעט עס?

די הילף קען צאלן ביז 12 חדשים פון רענט וואס האט שוין געדארפט צו געצאלט ווערן און פאר טייל משפחות קען עס אויך צאלן ביז דריי חדשים פאר צוקונפטיגע רענט. די פראגראם קען אויך צאלן פאר ביז 12 חדשים פון עלעקטריציטעט אדער גאז בילס וואס האבן שוין געדארפט צו געצאלט ווערן. ביטע מערקט אן, באצאלונגען וועלן אייביג געמאכט ווערן גראד צו די לענדלארד אדער צו די יוּטיליטי פירמע.

**אפליקאציעס קען מען אריינגעבן אנליין ביי**
**nysrenthelp.otda.ny.gov**

**פאר מער אינפארמאציע, באזוכט otda.ny.gov/ERAP אדער רופט 844-NY1RENT (844-691-7368)**

NEW YORK STATE | Office of Temporary and Disability Assistance

(Rev. 05/21) Yiddish